פרשת כי תבא לאומן, כ' אלול תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון צ"ב

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................7:21
מוצאי שבת..............................8:50

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## א מעשה פון תפלה

### נתנאל פארקאש

איך האב געהאט פארלוירן מיין חאלאט, אין דעם איז געליגן גאר ווערטפולע זאכן, איך האב עס געזיכט אבער נישט געטראפן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, אזוי איז אדורך צוויי וואכן, איין טאג קומט איינער צו מיר מיט א קאטרל און פרעגט מיר "דאס איז דיינס?" [די קארטל איז אויך געליגן אין דעם חאלאט] זאג איך אים יא, וואו האסטו עס געטראפן? ווייזט ער מיר וואו, בין איך שנעל אהין געגאנגען און ארום געזיכט אויף דעם פלאץ אויב מיין חאלאט ליגט דארט, שכח אייבערשטער איך האב דארט געטראפן מיין חאלאט צוזאמען מיט אלע זאכן וואס זענען געליגן אינעווייניג.

### יוסי שניטצלער

איין פרייטאג האב איך זיך זייער געגויטיגט אין א געוויסע סכום געלט, כדי צו קענען איינקויפן פאר די משפחה. איך בין געפארן מיט מיין קאר, אזוי פארענדיג האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף מיר איך זאל האבן די געלט וואס פעלט מיר אויס צו קענען איינקויפן".

ווען איך בין אנגעקומען צו מיין הויז ארויסקומענדיג פון די קאר, פארט אדורך א אינגערמאן און ער זאגט מיר, "איך בין געקומען אביסל זיך אומקוקן דא אין שטעטל, איך האב זייער הנאה געהאט צו זעהן א געוויסע שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א אין חדר און מען זעהט דיר דארט אלץ מלמד פאר די קינדער, ביזט גאר א פיינער מלמד, איך וויל דיר געבן געלט צו האבן א חלק אין דיין הייליגע ארבעט, ער נעמט ארויס א טשעק בוך און שרייבט א שיינער סכום.. איך שטיי אזוי פארגליווערט איך ציפ מיר צו עס איז א חלום אדער איך בין אויף, דא האב איך יעצט געענדיגט בעטן דעם אייבערשטן פאר געלט און א פרעמדער אינגערמאן פארט אדורך און ער גיבט מיר געלט פאר עפעס א סיבה וואס שטימט אפילו נישט געהעריג. שכח אייבערשטער!

### ישראל קרויס

יעדן טאג ווען איך פאר ארויס מיט מיין קאר לייג איך אריין פרוטות לצדקה און איך בעט דעם אייבערשטן עס זאל גארנישט פאסירן קיין שלעכטס, איין טאג פאר איך אויפן וועג און אינמיטן האב איך אריינגעזעצט אין א דורכלויפנדע הערש, איך קום ארויס פון מיין קאר צו זעהן אויב עפעס איז געשעהן צו די קאר, אבער קיין איין קריץ האט עס נישט געהאט ברוך השם, שכח אייבערשטער!

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן
אין קרית ברסלב ליבערטי

**אשר לעמיל זוסמאן הי"ו וזוגתו פערל חיה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.

## נייעס אין שטעטל

### דירות אין שטעטל

ס'איז נישט קיין סוד פאר קיינעם, אז די שטעטל פארגרעסערט זיך מיט גרויס סייעתא דשמיא אויף א שנעלע טעמפאוי, יעדע פאר וואכן הערט מען פון א פרישע משפחה וואס האט זיך אריינגעצויגן אין שטעטל.

פון די אנדערע זייט פרובירט מען זייער שטארק עס זאל זיין גענוג דירות פאר אלע משפחות וואס ווילן קומען וואוינען אין שטעטל, אבער די מציאות איז אז ס'איז נישט דא גענוג הייזער פאר וויפיל משפחות ס'ווילן זיך אהערציען, אבער מיט תפלה וועט מיטן אייבערשטענ'ס הילף זיין א דירה פאר יעדע משפחה וואס וויל אהערמופן אין שטעטל.

ווער עס וויל זיך ארויסציען אין שטעטל און דארף א דירה צו קויפן, קען זיך מעלדן צו איינע פון די חשובע הנהלה מעמבערס האברך ר' מרדכי אהרן היילפרין הי"ו, אלע וואס ווילן קויפן [נישט דינגען] א דירה דארפן געבן צען טויזנט דאלער פאר די הנהלה, מען קען עס איבערגעבן פון פאראויס פארן ראש ישיבה שליט"א, אזוי וועט מען האבן די זכות אין א דירה גלייך ווען עס קומט זיין רייע, ביזדערווייל איז נאך די סכום צען טויזנט דאלער, בקרוב וועט זיך די סכום הייבן צו א גרעסערע סכום צוליב די פילע קאסטן וואס עס קאסט אויפצוהאלטן דעם שטעטל וכו', די אלע וואס געבן יעצט די סכום פון צען טויזנט דאלער וועט ביי זיי נישט ארויפגיין די פרייז.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע משפחות וואס ציען זיך ארויס זאלן מצליח זיין, און קענען אויסניצן דעם שטעטל פאר התבודדות ותפלה, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז כסדר.

### זומער אין שטעטל

א הערליכע זומער איז פאריבער אין שטעטל צוזאמען מיט אלע חשובע משפחות פון שטאט, און די בחורים פון ישיבה, ובראש פונעם ראש ישיבה שליט"א.

הערליכע שיעורים איז געהערט געווארן יעדן טאג, אינדערפרי א שיעור אין א דף גמרא, און ביינאכט א שיעור התחזקות, אזוי אויך האט מען געהערט הערליכע דרשות יעדן שבת קודש, וואס עס וועט אונז זיכער באגלייטן פאר א לענגערע צייט, און דאס וועט זיכער זיין די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג וואס קומט שוין אט אט אן.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר וַויי צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אִין אוּמַאן אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִינֶעם נַייעֶם בִּנְיָן - צְוֵוייט קְלַאסִיג. אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דִי אִינְגֶעלַייט אוּן דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען מְמוּנֶּה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צִי עֶס אִיז אֱמֶת וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, אַז מֶען נֶעמְט נִישְׁט אוֹיף שֵׁיין דִי גֶעסְט וָואס קוּמֶען דַאוֶוענֶען; זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז הַיי יָאר וֶועלְן זֵיי מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם פְּרָט אוּן מְקָרֵב זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם.

גֶעבְּט אִיבֶּער פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן יַבְנִיאֵל אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן צוּ דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם אִין אוּמַאן, **מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַשְׁכְּנַז'ישֶׁע אִידְן אָדֶער סְפַרְד'ישֶׁע אִידְן**, מִיר וַוארְטְן אוֹיף אַייךְ אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ זַיין צוּזַאמֶען; מִיר גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ וָואס הָאט גֶעוִויזְן אַז **מֶען קֶען דַאוֶוענֶען אִין אֵיין שׁוּל אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען פוּן אַנְדֶערֶע שְׁבָטִים.** מִיר זֶענֶען מַמְשִׁיךְ וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעטוּן בַּיי זַיין לֶעבְּן, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן, דָאס וָואס מִיר גֶעפִינֶען אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכח.) אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "**אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא**", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. פְלֶעגְט מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶע רֶמֶז, **אַ'נַ'ן'** אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "**אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא**", אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָּם וֶוערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "**הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ**", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס עֶס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

..

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים שֶׁיִּחְיוּ, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה' גֶעוֶועזְן צוּ זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמֶער וָואכְן צוּזַאמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים; אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אָבֶּער **אִיךְ וֶועל וַוייטֶער זַיין מִיט אַייךְ.**

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן אַלֶע אִינְגֶעלַייט מֶען זָאל **קוּמֶען לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי פַּאר'ן דַאוֶוענֶען.** מֶען וֶועט דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג זִיבְּן אַזֵייגֶער; אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט אַלֶע קוּמֶען לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי, דֶער טָאג אִיז אַן אַנְדֶערֶע טָאג וֶוען מֶען לֶערְנְט אִינְדֶערְפְרִי, דֶער טָאג אִיז אַן אַנְדֶערֶע טָאג וֶוען מֶען הֵייבְּט דָאס אָן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן אַ מִקְוֶה, עֶס אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִינֶעם טָאג; אַמָאל קֶען מֶען אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אִינֶעם טָאג, אָבֶּער **אַז מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִין דִי אַרְבֶּעט.**

נָאכְן דַאוֶוענֶען זָאלְט אִיר טַאנְצְן; צִינְדְט אָן לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק פַּאר אַפָּאר מִינוּט אוּן טַאנְצְט: "**אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ!**" ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט ווִי מֶען ווִיל.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר קוּמֶען **דַאוֶוענֶען מִנְחָה מַעֲרִיב אוּן מִיט הַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר גְמָרָא**, אָבֶּער נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיינַאכְט שְׁמוּעֶסְן; בַּיינַאכְט דַארְף מֶען זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, **מֶען קֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן שְׁמוּעֶסְן.**

נוּצְט אוֹיס דִי פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ **שְׁפַּאצִירְן אִין שְׁטֶעטְל מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן**, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ אוּן אִים בֶּעטְן מֶען זָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן וֶוערְן, מֶען זָאל זַיין עֶרְלִיךְ.

**שְׁרַייבְּט מִיר וָואס אִיר ווִילְט פְרֶעגְן אוּן ווִיסְן, אִיךְ וֶועל אַייךְ גְלַייךְ עֶנְטְפֶערְן.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.


**דער הייליגער רבי האט געזאגט: אנדערע וואלטן זיך געוואונטשן ראש השנה אזא התעוררות ווי עס איז דא ביי מיר אין ...**

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

א) מוצאי ראש השנה ג) סליחות

ב) נעילה ד) ערב ראש השנה

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז יעקב אהרן לעווי נ"י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

נעגל אויפן גאנצן וועג

מרית ברסלב - בריתגמ"ח

א נייע בריות גמ"ח האט זיך געעפנט אין שטעטל, מיר שטעלן צו די קליידונג פאר קינד וואס מען דארף האבן פאר ברית

צו באשטעלן רופט משפחת ברוים 347-831-4727




קריאת התורה אין עירפארט אויפן וועג צו אומאן ערב ראש השנה תשע"ד